# מיר זינגען „התקוה" ביי דער באַן

אַפּטמאָל קומען מיר אויפן געדאַנק זכרונות פון די קינדער־יאָרן, וואָס זענען געווען אַזוי שיין און רייך, ווייל מיר זענען געווען נאָך דאַן געווען נאַאיוו און נישט פאַרשטאַנען דאָס לעבן. אבער ס'איז עפּעס געווען אין דער לופט, וואָס נישט יעדער פון דער יידישער יוגנט האָט עס אַפּגעפילט.

די ערשטע פיר קלאַסן האָב איך געלערנט אין דער יידישער פאָלקס־שולע. דער לערער, יורמאַן, איז געווען אַ פאַרברענטער לינקער יידישיסט. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען אים אַרעסטירט און איך בין אַריבער אין דער פּוילישער פאָלקסשולע נעבר בריקל. — צוזאַמען מיט מיר איז אויך אַריבער איטע יוז.

דער לייטער פון דער שולע איז געווען אַן אַנטיסעמיט און פאַר יעדער קליינקייט האָט ער די יידישע קינדער געשלאָגן איבער די הענט. דאַמאָלט איז געקומען אין שטאָט דער לערער בינדער און מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עפענען אַן העברעישע „תרבות"־שולע, ווו מ'וועט די יוגנט צוגרייטן קיין ארץ־ישראל.

איך און סאָניע זויבערמאַן האָבן אָנגעהויבן לערנען עברית ביי בינדערן אין גאָלדפעדערס שטוב, און דער נאָך בין איך אַריין אין דער „תרבות"־שולע.

דער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון דער יידישער פאָלקסשולע און פון דער „תרבות"־שולע איז געווען אַ שאַרפער. טראָץ דעם האָט זיך די „תרבות"־שולע זייער אַנטוויקלט און צוגעצויגן אַסאַך יידישע תלמידים. דידאָזיקע תלמידים זענען נאָכדעם געוואָרן געטרייע חלוצים. ווו וואָלט איך איצט געווען ווען נישט די דערציונג, וואָס איך האָב באַקומען פון דער שולע, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט אירע לערער און עסקנים?

ווען נפתלי זינייוק איז אַפּגעפאָרן אויף הכשרה, זענען מיר, חברים פון „החלוץ", געגאַנגען צו דער באַן אים באַגלייטן. ס'איז געווען פאַרבאָטן צו זינגען עפנטלעך העברעישע לידער. איך האָב מיך באַהאַלטן צווישן די וואַגאָנעס, און ווען די באַן איז אָנגעקומען, און בערל געלערשטיין איז אַריין אין וואַגאָן, האָב איך, און נאָך מיר אַלע פאַרזאַמלטע חברים, אָנגעהויבן זינגען „התקוה" — אויפן הויכן קול.

די פּאָליציאַנטן זענען אַריינגעפאַלן אין כעס און איינער אַ שגץ האָט מיך פאַרמסרט. די פּאָליציי איז געקומען אין דער „תרבות"־שולע, געווענדעט זיך צום דירעקטאָר און פאַרלאַנגט מיך באַשטראָפן. צום סוף האָט דער פּאָליציאַנט האָלץ, וואָס האָט געוווינט אין אונדזער געסל און האָט עפּעס באַקומען פון מיין טאַטן, פאַרגלעט דעם גאַנצן ענין און ס'איז אַלץ אַדורך בשלום.

**רחל פיישטר (גאָטליב), ישראל**



רחל פיישטר־גוטליב.



ר' יעקב אובשטיין, בתו וחתנו אהרן קאגאן. האב עלה לארץ־ישראל לפני השואה.



בנימין בורושק, אשתו חנה ובני ביתם. עומדים מימין לשמאל: משה, רוניה (פן) ז"ל, אסתר וחיים. בנימין עלה בשנת 1934 והצטרף לקיבוץ גבעת־ברנר, אשר בתו, אסתר, היתה אחת ממייסדיו.